## כח

א ויקרא יצחק אל־יעקב ויברך אתו ויצוהו ויאמר לו לא־
ב תקח אשה מבנות כנען: קום לך פדנה ארם ביתה
בתואל אבי אמך וקח־לך משם אשה מבנות לבן אחי
ג אמך: ואל שדי יברך אתך ויפרך וירבך והיית לקהל
ד עמים: ויתן־לך את־ברכת אברהם לך ולזרעך אתך
לרשתך את־ארץ מגריך אשר־נתן אלהים לאברהם:
שב' וישלח יצחק את־יעקב וילך פדנה ארם אל־לבן בן־
ו בתואל הארמי אחי רבקה אם יעקב ועשו: וירא עשו
כי־ברך יצחק את־יעקב ושלח אתו פדנה ארם לקחת־
לו משם אשה בברכו אתו ויצו עליו לאמר לא־תקח
מפ' אשה מבנות כנען: וישמע יעקב אל־אביו ואל־אמו
ח וילך פדנה ארם: וירא עשו כי רעות בנות כנען בעיני
ט יצחק אביו: וילך עשו אל־ישמעאל ויקח את־מחלת ׀ בת־
ישמעאל בן־אברהם אחות נביות על־נשיו לו לאשה:

ס

**כח** [1] האָט יצחק גערופן יעקבן, און האָט אים געבענטשט, און האָט אים באַפוילן, און האָט צו אים געזאָגט: זאָלסט ניט נעמען אַ ווייב פון די טעכטער פון כנען. [2] שטיי אויף, גיי קיין פדן־אַרם, צו דעם הויז פון בתואל, דיין מוטערס פאָטער, און נעם דיר פון דאָרטן אַ ווייב פון די טעכטער פון לבן, דיין מוטערס ברודער. [3] און גאָט שדי וועט דיך בענטשן, און וועט דיך פרוכפּערן און דיך מערן, און וועסט ווערן אַ געזעמל פעלקער. [4] און ער וועט דיר געבן די ברכה פון אַברהמען, דיר און דיין זאָמען מיט דיר, כדי זאָלסט אַרבן דאָס לאַנד פון דיין וווינשאַפט, וואָס גאָט האָט געגעבן צו אַברהמען.

[5] און יצחק האָט אַוועקגעשיקט יעקבן, און ער איז געגאַנגען קיין פדן־אַרם, צו לבן דעם זון פון בתואל דעם אַרמי, דעם ברודער פון רבקה, דער מוטער פון יעקבן און עשׂון.

[6] און עשׂו האָט געזען אַז יצחק האָט געבענטשט יעקבן, און האָט אים אַוועקגעשיקט קיין פדן־אַרם, זיך צו נעמען אַ ווייב פון דאָרטן; אַז ווען ער האָט אים געבענטשט, האָט ער אים באַפוילן, אַזוי צו זאָגן: זאָלסט ניט נעמען אַ ווייב פון די טעכטער פון כנען; [7] און יעקב האָט צוגעהערט צו זיין פאָטער און צו זיין מוטער, און איז געגאַנגען קיין פדן־אַרם. [8] און עשׂו האָט געזען אַז די טעכטער פון כנען זיינען שלעכט אין די אויגן פון זיין פאָטער יצחקן, [9] און עשׂו איז געגאַנגען צו ישמעאלן, און האָט, צו זיינע אַנדערע ווייבער, זיך גענומען פאַר אַ ווייב מחלת די טאָכטער פון ישמעאל, אַברהמס זון, די שוועסטער פון נביותן.

## ויצא

י יא ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה: ויפגע במקום וילן
שם כי־בא השמש ויקח מאבני המקום וישם מראשתיו
יב וישכב במקום ההוא: ויחלם והנה סלם מצב ארצה
וראשו מגיע השמימה והנה מלאכי אלהים עלים וירדים
יג בו: והנה יהוה נצב עליו ויאמר אני יהוה אלהי אברהם
אביך ואלהי יצחק הארץ אשר אתה שכב עליה לך
יד אתננה ולזרעך: והיה זרעך כעפר הארץ ופרצת ימה
וקדמה וצפנה ונגבה ונברכו בך כל־משפחת האדמה
טו ובזרעך: והנה אנכי עמך ושמרתיך בכל אשר־תלך
והשבתיך אל־האדמה הזאת כי לא אעזבך עד אשר אם־
טז עשיתי את אשר־דברתי לך: וייקץ יעקב משנתו ויאמר

ב׳ ה׳ ו׳ ז׳ פדנה כציל בהעמדה תחת הנון

[10] און יעקב איז אַרויסגעגאַנגען פון באר־שבע, און איז געגאַנגען קיין חרן. [11] און ער האָט געטראָפן אַן אָרט, און איז דאָרטן געבליבן נעכטיקן, וואָרום די זון איז אונטערגעגאַנגען; און ער האָט גענומען פון די שטיינער פון דעם אָרט, און געמאַכט פאַר זיין צוקאָפּנס, און האָט זיך געלייגט אין יענעם אָרט. [12] האָט זיך אים געחלומט, ערשט אַ לייטער שטייט אויף דער ערד, און זיין שפּיץ גרייכט ביזן הימל, און זע, מלאָכים פון גאָט גייען אַרויף און נידערן אַראָפּ אויף אים. [13] און אָט שטייט גאָט איבער אים, און ער זאָגט: איך בין יהוה דער גאָט פון דיין פאָטער אַברהמען, און דער גאָט פון יצחקן. דאָס לאַנד וואָס דו ליגסט דערויף, צו דיר וועל איך עס געבן, און צו דיין זאָמען. [14] און דיין זאָמען וועט זיין אַזוי ווי שטויב פון דער ערד, און וועסט זיך אויסשפּרייטן קיין מערב און קיין מזרח און קיין צפון און קיין דרום, און בענטשן וועלן זיך מיט דיר און מיט דיין זאָמען אַלע משפחות פון דער ערד. [15] און זע, איך וועל זיין מיט דיר, און איך וועל דיך היטן אומעטום ווו דו וועסט גיין, און איך וועל דיך אומקערן צו דער־דאָזיקער ערד, וואָרום איך וועל דיך ניט פאַרלאָזן, ביז וואַנען איך האָב געטאָן וואָס איך האָב דיר צוגעזאָגט.

[16] האָט יעקב זיך אויפגעכאַפּט פון זיין שלאָף, און ער האָט געזאָגט: פאַרוואָר, גאָט איז פאַראַן אין

דעמדאָזיקן אָרט, און איך האָב ניט געוווּסט. [17] און ער האָט מורא געהאַט, און האָט געזאָגט: ווי מוראדיק איז דערדאָזיקער אָרט! דאָס איז ניט אַנדערש ווי דאָס הויז פון גאָט, און דאָס איז דער טויער פון הימל.

[18] און יעקב האָט זיך געפעדערט אין דער פרי, און ער האָט גענומען דעם שטיין וואָס ער האָט געמאַכט פאַר זיין צוקאָפּנס, און האָט אים געמאַכט פאַר אַ זיילשטיין, און ער האָט אַרויפגעגאָסן אייל אויף זיין שפּיץ. [19] און ער האָט גערופן דעם נאָמען פון יענעם אָרט בית־אֵל[א], אָבער לוז איז געווען דער נאָמען פון דער שטאָט צוערשט. [20] און יעקב האָט אַ נדר געטאָן, אַזוי צו זאָגן: אויב גאָט וועט זיין מיט מיר, און וועט מיך היטן אויף דעמדאָזיקן וועג וואָס איך גיי, און ער וועט מיר געבן ברויט צום עסן, און אַ בגד אָנצוטאָן, [21] און איך וועל מיך אומקערן בשלום צו מיין פאָטערס הויז, וועט יהוה מיר זיין צום גאָט. [22] און דערדאָזיקער שטיין וואָס איך האָב געמאַכט פאַר אַ זייל־שטיין, וועט זיין אַ הויז פון גאָט; און פון אַלץ וואָס דו וועסט מיר געבן, וועל איך מעשׂרן מעשׂר צו דיר.

יז אָכֵן יֵשׁ יְהוָה בַּמָּקוֹם הַזֶּה וְאָנֹכִי לֹא יָדָעְתִּי׃ וַיִּירָא וַיֹּאמַר
מַה־נּוֹרָא הַמָּקוֹם הַזֶּה אֵין זֶה כִּי אִם־בֵּית אֱלֹהִים וְזֶה
יח שַׁעַר הַשָּׁמָיִם׃ וַיַּשְׁכֵּם יַעֲקֹב בַּבֹּקֶר וַיִּקַּח אֶת־הָאֶבֶן אֲשֶׁר־
שָׂם מְרַאֲשֹׁתָיו וַיָּשֶׂם אֹתָהּ מַצֵּבָה וַיִּצֹק שֶׁמֶן עַל־רֹאשָׁהּ׃
יט וַיִּקְרָא אֶת־שֵׁם־הַמָּקוֹם הַהוּא בֵּית־אֵל וְאוּלָם לוּז שֵׁם־
כ הָעִיר לָרִאשֹׁנָה׃ וַיִּדַּר יַעֲקֹב נֶדֶר לֵאמֹר אִם־יִהְיֶה
אֱלֹהִים עִמָּדִי וּשְׁמָרַנִי בַּדֶּרֶךְ הַזֶּה אֲשֶׁר אָנֹכִי הוֹלֵךְ וְנָתַן
כא לִי לֶחֶם לֶאֱכֹל וּבֶגֶד לִלְבֹּשׁ׃ וְשַׁבְתִּי בְשָׁלוֹם אֶל־בֵּית אָבִי
כב וְהָיָה יְהוָה לִי לֵאלֹהִים׃ וְהָאֶבֶן הַזֹּאת אֲשֶׁר־שַׂמְתִּי מַצֵּבָה
יִהְיֶה בֵּית אֱלֹהִים וְכֹל אֲשֶׁר תִּתֶּן־לִי עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ לָךְ׃

## כט

שני ב וַיִּשָּׂא יַעֲקֹב רַגְלָיו וַיֵּלֶךְ אַרְצָה בְנֵי־קֶדֶם׃ וַיַּרְא וְהִנֵּה
בְאֵר בַּשָּׂדֶה וְהִנֵּה־שָׁם שְׁלֹשָׁה עֶדְרֵי־צֹאן רֹבְצִים עָלֶיהָ
כִּי מִן־הַבְּאֵר הַהִוא יַשְׁקוּ הָעֲדָרִים וְהָאֶבֶן גְּדֹלָה עַל־
ג פִּי הַבְּאֵר׃ וְנֶאֶסְפוּ־שָׁמָּה כָל־הָעֲדָרִים וְגָלְלוּ אֶת־הָאֶבֶן
מֵעַל פִּי הַבְּאֵר וְהִשְׁקוּ אֶת־הַצֹּאן וְהֵשִׁיבוּ אֶת־הָאֶבֶן עַל־
ד פִּי הַבְּאֵר לִמְקֹמָהּ׃ וַיֹּאמֶר לָהֶם יַעֲקֹב אַחַי מֵאַיִן אַתֶּם
ה וַיֹּאמְרוּ מֵחָרָן אֲנָחְנוּ׃ וַיֹּאמֶר לָהֶם הַיְדַעְתֶּם אֶת־לָבָן
ו בֶּן־נָחוֹר וַיֹּאמְרוּ יָדָעְנוּ׃ וַיֹּאמֶר לָהֶם הֲשָׁלוֹם לוֹ וַיֹּאמְרוּ
ז שָׁלוֹם וְהִנֵּה רָחֵל בִּתּוֹ בָּאָה עִם־הַצֹּאן׃ וַיֹּאמֶר הֵן עוֹד
הַיּוֹם גָּדוֹל לֹא־עֵת הֵאָסֵף הַמִּקְנֶה הַשְׁקוּ הַצֹּאן וּלְכוּ
ח רְעוּ׃ וַיֹּאמְרוּ לֹא נוּכַל עַד אֲשֶׁר יֵאָסְפוּ כָּל־הָעֲדָרִים
ט וְגָלְלוּ אֶת־הָאֶבֶן מֵעַל פִּי הַבְּאֵר וְהִשְׁקִינוּ הַצֹּאן׃ עוֹדֶנּוּ
מְדַבֵּר עִמָּם וְרָחֵל ׀ בָּאָה עִם־הַצֹּאן אֲשֶׁר לְאָבִיהָ כִּי רֹעָה
י הִוא׃ וַיְהִי כַּאֲשֶׁר רָאָה יַעֲקֹב אֶת־רָחֵל בַּת־לָבָן אֲחִי
אִמּוֹ וְאֶת־צֹאן לָבָן אֲחִי אִמּוֹ וַיִּגַּשׁ יַעֲקֹב וַיָּגֶל אֶת־הָאֶבֶן
יא מֵעַל פִּי הַבְּאֵר וַיַּשְׁקְ אֶת־צֹאן לָבָן אֲחִי אִמּוֹ׃ וַיִּשַּׁק יַעֲקֹב

כח, יח׳ צ׳ רפה

כט [1] און יעקב האָט אויפגעהויבן זיינע פיס, און איז געגאַנגען צו דעם לאַנד פון די קינדער פון מזרח. [2] און ער האָט אַ קוק געטאָן, ערשט אַ ברונעם איז אין פעלד, און זע, דריי סטאַדעס שאָף הויערן דאָרטן ביי אים; וואָרום פון יענעם ברונעם פלעגט מען אָנטרינקען די סטאַדעס, און דער שטיין אויפן מויל פון ברונעם איז געווען גרויס. [3] און אַז דאָרטן האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַלע סטאַדעס, האָט מען אַראָפּגעקייקלט דעם שטיין פון דעם מויל פון ברונעם, און מע האָט אָנגעטרונקען די שאָף, און אומגעקערט דעם שטיין אויפן מויל פון דעם ברונעם אויף זיין אָרט.

[4] האָט יעקב צו זיי געזאָגט: פון וואַנען זייט איר, מיינע ברידער? האָבן זיי געזאָגט: פון חָרָן זיינען מיר. [5] האָט ער צו זיי געזאָגט: קענט איר לָבָן דעם זון פון נָחורן? האָבן זיי געזאָגט: מיר קענען. [6] האָט ער צו זיי געזאָגט: איז פריד צו אים? האָבן זיי געזאָגט: פריד; און אָט קומט זיין טאָכטער רחל מיט די שאָף. [7] האָט ער צו זיי געזאָגט: זעט, דער טאָג איז נאָך גרויס, נאָך ניט צייט דאָס פי זאָל איינגעזאַמלט ווערן; טרינקט אָן די שאָף, און גייט פּיטערט. [8] האָבן זיי געזאָגט: מיר קענען ניט, ביז וואַנען אַלע סטאַדעס וועלן זיך צונויפזאַמלען, און מע וועט אַראָפּקייקלען דעם שטיין פון דעם מויל פון ברונעם; און מיר וועלן אָנטרינקען די שאָף.

[9] ווי ער רעדט נאָך מיט זיי, אַזוי איז רחל אונטערגעקומען מיט איר פאָטערס שאָף; וואָרום זי איז געווען אַ פאַסטוכערין. [10] און עס איז געווען, ווי יעקב האָט דערזען רחלען, די טאָכטער פון לָבָן, זיין מוטערס ברודער, און די שאָף פון לָבָן, זיין מוטערס ברודער, אַזוי האָט יעקב גענענט, און האָט אַראָפּגעקייקלט דעם שטיין פון דעם מויל פון ברונעם, און האָט אָנגעטרונקען די שאָף פון לָבָן, זיין מוטערס ברודער. [11] און יעקב האָט געקושט

א דאָס הויז פון גאָט.

לְרָחֵל וַיִּשָּׂא אֶת־קֹלוֹ וַיֵּבְךְּ׃ וַיַּגֵּד יַעֲקֹב לְרָחֵל כִּי אֲחִי יב
אָבִיהָ הוּא וְכִי בֶן־רִבְקָה הוּא וַתָּרָץ וַתַּגֵּד לְאָבִיהָ׃ וַיְהִי יג
כִשְׁמֹעַ לָבָן אֶת־שֵׁמַע ׀ יַעֲקֹב בֶּן־אֲחֹתוֹ וַיָּרָץ לִקְרָאתוֹ
וַיְחַבֶּק־לוֹ וַיְנַשֶּׁק־לוֹ וַיְבִיאֵהוּ אֶל־בֵּיתוֹ וַיְסַפֵּר לְלָבָן אֵת
כָּל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה׃ וַיֹּאמֶר לוֹ לָבָן אַךְ עַצְמִי וּבְשָׂרִי יד
אָתָּה וַיֵּשֶׁב עִמּוֹ חֹדֶשׁ יָמִים׃ וַיֹּאמֶר לָבָן לְיַעֲקֹב הֲכִי־ טו
אָחִי אַתָּה וַעֲבַדְתַּנִי חִנָּם הַגִּידָה לִּי מַה־מַּשְׂכֻּרְתֶּךָ׃
וּלְלָבָן שְׁתֵּי בָנוֹת שֵׁם הַגְּדֹלָה לֵאָה וְשֵׁם הַקְּטַנָּה רָחֵל׃ טז
וְעֵינֵי לֵאָה רַכּוֹת וְרָחֵל הָיְתָה יְפַת־תֹּאַר וִיפַת מַרְאֶה׃ יז
וַיֶּאֱהַב יַעֲקֹב אֶת־רָחֵל וַיֹּאמֶר אֶעֱבָדְךָ שֶׁבַע שָׁנִים בְּרָחֵל של׳
בִּתְּךָ הַקְּטַנָּה׃ וַיֹּאמֶר לָבָן טוֹב תִּתִּי אֹתָהּ לָךְ מִתִּתִּי יט
אֹתָהּ לְאִישׁ אַחֵר שְׁבָה עִמָּדִי׃ וַיַּעֲבֹד יַעֲקֹב בְּרָחֵל שֶׁבַע כ
שָׁנִים וַיִּהְיוּ בְעֵינָיו כְּיָמִים אֲחָדִים בְּאַהֲבָתוֹ אֹתָהּ׃ וַיֹּאמֶר כא
יַעֲקֹב אֶל־לָבָן הָבָה אֶת־אִשְׁתִּי כִּי מָלְאוּ יָמָי וְאָבוֹאָה
אֵלֶיהָ׃ וַיֶּאֱסֹף לָבָן אֶת־כָּל־אַנְשֵׁי הַמָּקוֹם וַיַּעַשׂ מִשְׁתֶּה׃ כב
וַיְהִי בָעֶרֶב וַיִּקַּח אֶת־לֵאָה בִתּוֹ וַיָּבֵא אֹתָהּ אֵלָיו וַיָּבֹא כג
אֵלֶיהָ׃ וַיִּתֵּן לָבָן לָהּ אֶת־זִלְפָּה שִׁפְחָתוֹ לְלֵאָה בִתּוֹ שִׁפְחָה׃ כד
וַיְהִי בַבֹּקֶר וְהִנֵּה־הִוא לֵאָה וַיֹּאמֶר אֶל־לָבָן מַה־זֹּאת כה
עָשִׂיתָ לִּי הֲלֹא בְרָחֵל עָבַדְתִּי עִמָּךְ וְלָמָּה רִמִּיתָנִי׃ וַיֹּאמֶר כו
לָבָן לֹא־יֵעָשֶׂה כֵן בִּמְקוֹמֵנוּ לָתֵת הַצְּעִירָה לִפְנֵי הַבְּכִירָה׃
מַלֵּא שְׁבֻעַ זֹאת וְנִתְּנָה לְךָ גַּם־אֶת־זֹאת בַּעֲבֹדָה אֲשֶׁר כז
תַּעֲבֹד עִמָּדִי עוֹד שֶׁבַע־שָׁנִים אֲחֵרוֹת׃ וַיַּעַשׂ יַעֲקֹב כֵּן כח
וַיְמַלֵּא שְׁבֻעַ זֹאת וַיִּתֶּן־לוֹ אֶת־רָחֵל בִּתּוֹ לוֹ לְאִשָּׁה׃ וַיִּתֵּן כט
לָבָן לְרָחֵל בִּתּוֹ אֶת־בִּלְהָה שִׁפְחָתוֹ לָהּ לְשִׁפְחָה׃ וַיָּבֹא ל
גַּם אֶל־רָחֵל וַיֶּאֱהַב גַּם־אֶת־רָחֵל מִלֵּאָה וַיַּעֲבֹד עִמּוֹ עוֹד
שֶׁבַע־שָׁנִים אֲחֵרוֹת׃ וַיַּרְא יְהוָה כִּי־שְׂנוּאָה לֵאָה וַיִּפְתַּח לא
אֶת־רַחְמָהּ וְרָחֵל עֲקָרָה׃ וַתַּהַר לֵאָה וַתֵּלֶד בֵּן וַתִּקְרָא לב

רחלען, און האָט אויפגעהויבן זיין קָול און האָט געוויינט. [12] און יעקב האָט דערציילט רחלען אַז ער איז איר פאָטערס אַן אייגענער, און אַז ער איז רבקהס אַ זון; און זי איז געלאָפן, און האָט אָנגעזאָגט איר פאָטער.

[13] און עס איז געווען, ווי לָבָן האָט געהערט די הערונג וועגן יעקב, זיין שוועסטערס זון, אַזוי איז ער אים געלאָפן אַנטקעגן, און ער האָט אים געהאַלדזט און אים געקושט, און האָט אים אַריינגעבראַכט אין זיין הויז. און ער האָט דערציילט לָבָנען אַלע יענע געשעענישן. [14] און לָבָן האָט צו אים געזאָגט: פאַרוואָר, מיין ביין און מיין פלייש ביסטו.

און ער איז געזעסן ביי אים אַ חודש צייט.

[15] האָט לָבָן געזאָגט צו יעקבן: צי וויל דו ביסט מיינער אַן אייגענער, זאָלסטו מיר דינען אומזיסט? זאָג מיר וואָס איז דיין לוין. [16] און לָבָן האָט געהאַט צוויי טעכטער; דער נאָמען פון דער עלטערער איז געווען לאה, און דער נאָמען פון דער יינגערער רחל. [17] און לאהס אויגן זיינען געווען שלאַפע, און רחל איז געווען שיין אויפן געשטאַלט, און שיין אויפן פנים. [18] און יעקב האָט ליב געקריגן רחלען; און ער האָט געזאָגט: איך וועל דיר דינען זיבן יאָר פאַר דיין יינגערער טאָכטער רחלען. [19] האָט לָבָן געזאָגט: בעסער איך זאָל זי דיר געבן, איידער איך זאָל זי געבן צו אַן אַנדער מאַן; בלייב ביי מיר.

[20] און יעקב האָט געדינט פאַר רחלען זיבן יאָר, און זיי זיינען געווען אין זיינע אויגן אַזוי ווי עטלעכע טעג, פון זיין ליבשאַפט צו איר. [21] און יעקב האָט געזאָגט צו לָבָנען: גיב מיר מיין ווייב, וואָרום מיינע טעג זיינען דער־פילט געוואָרן; און איך וועל קומען צו איר.

[22] האָט לָבָן איינגעזאַמלט אַלע מענטשן פון דעם אָרט, און ער האָט געמאַכט אַ מאָלצייט. [23] און עס איז געווען אין אָוונט, האָט ער גענומען זיין טאָכטער לאהן, און האָט זי געבראַכט צו אים, און ער איז געקומען צו איר. [24] און לָבָן האָט איר געגעבן זיין דינסט זִלפָּהן—פאַר אַ דינסט צו זיין טאָכטער לאהן.

[25] און עס איז געווען אין דער פרי, ערשט דאָס איז לאה. האָט ער געזאָגט צו לָבָנען: וואָס האָסטו מיר דאָ גע־טאָן? האָב איך ניט געדינט ביי דיר פאַר רחלען, און פאַרוואָס האָסטו מיך גענאַרט? [26] האָט לָבָן געזאָגט: עס ווערט ניט געטאָן אַזוי אין אונדזער מקום, אויסצוגעבן די יינגערע פאַר דער עלטערער. [27] דערפיל די וואָך פון דער, און מיר וועלן דיר אויך יענע געבן, פאַר דעם דינסט וואָס דו וועסט דינען ביי מיר נאָך זיבן אַנדערע יאָר.

[28] האָט יעקב אַזוי געטאָן, און ער האָט דערפילט די וואָך פון דער; און ער האָט אים געגעבן זיין טאָכטער רחלען, אים פאַר אַ ווייב. [29] און לָבָן האָט געגעבן צו זיין טאָכטער רחלען זיין דינסט בִּלהָהן פאַר אַ דינסט צו איר.

[30] און ער איז געקומען אויך צו רחלען. און ער האָט רחלען אויך מער ליב געהאַט פון לאהן; און ער האָט גע־דינט ביי אים נאָך זיבן אַנדערע יאָר.

[31] און גאָט האָט געזען אַז לאה איז אומבאַליבט, און ער האָט געעפנט איר טראַכט; און רחל איז גע־ווען אַן עקרה. [32] און לאה איז טראָגעדיק געוואָרן, און האָט געבאָרן אַ זון, און זי האָט גערופן זיין

נאָמען רְאוּבֵן, ווייל זי האָט געזאָגט: יאָ, גאָט האָט געזען מיין פּיין[א], וואָרום אַצונד וועט מיך מיין מאַן ליב האָבן. 33 און זי איז ווידער טראָגעדיק געוואָרן, און האָט געבאָרן אַ זון, און זי האָט געזאָגט: ווייל גאָט האָט געהערט[ב] אַז איך בין אומבאַליבט, דרום האָט ער מיר געגעבן אויך דעמדאָזיקן; און זי האָט גערופן זיין נאָמען שִׁמְעוֹן. 34 און זי איז ווידער טראָגעדיק געוואָרן, און האָט געבאָרן אַ זון, און זי האָט געזאָגט: אַצונד דאָס מאָל וועט מיין מאַן ווערן צוגעטאָן[ג] צו מיר, ווייל איך האָב אים געבאָרן דריי זין; דרום האָט מען גערופן זיין נאָמען לֵוִי. 35 און זי איז ווידער טראָגעדיק געוואָרן, און האָט געבאָרן אַ זון, און זי האָט געזאָגט: דאָס מאָל טו איך לויבן[ד] גאָט; דרום האָט זי גערופן זיין נאָמען יהוּדָה. און זי האָט אויפגעהערט געבערן.

ל 1 און אַז רחל האָט געזען אַז זי געבערט ניט פון יעקבן, האָט רחל מקנא געווען איר שוועסטער, און זי האָט געזאָגט צו יעקבן: גיב מיר קינדער, אַניט שטאַרב איך. 2 האָט דער צאָרן פון יעקבן געגרימט אויף רחלען, און ער האָט געזאָגט: בין איך דען אויף דעם אָרט פון גאָט, וואָס האָט פאַרמיטן פון דיר פרוכט פון לייב? 3 האָט זי געזאָגט: אָט איז מיין דינסט בִּלְהָה, קום צו איר, און זי וועט געבערן אויף מיינע קני, און אויך איך וועל אויפגעריכט ווערן פון איר.

4 און זי האָט אים געגעבן איר דינסט בִּלְהָהן פאַר אַ ווייב, און יעקב איז צו איר געקומען. 5 און בִּלְהָה איז טראָגעדיק געוואָרן, און האָט יעקבן געבאָרן אַ זון. 6 און רחל האָט געזאָגט: גאָט האָט זיך פאַר מיר אָנגענומען[ה], און האָט אויך מיין קָול צוגעהערט, און מיר געגעבן אַ זון; דרום האָט זי גערופן זיין נאָמען דָן. 7 און בִּלְהָה, רחלס דינסט, איז ווידער טראָגעדיק געוואָרן, און האָט יעקבן געבאָרן אַ צווייטן זון. 8 און רחל האָט געזאָגט: שטאַרקע ראַנגלענישן האָב איך זיך געראַנגלט מיט מיין שוועסטער, און איך בין בייגעקומען; דרום האָט זי גערופן זיין נאָמען נַפְתָּלִי.

9 און לאה האָט געזען אַז זי האָט אויפגעהערט געבערן, האָט זי גענומען איר דינסט זִלְפָּהן, און זי געגעבן יעקבן פאַר אַ ווייב. 10 און זִלְפָּה, לאהס דינסט, האָט יעקבן געבאָרן אַ זון. 11 האָט לאה געזאָגט: מזלי איז געקומען; און זי האָט גערופן זיין נאָמען גָד. 12 און זִלְפָּה, לאהס דינסט, האָט יעקבן געבאָרן אַ צווייטן זון. 13 האָט לאה געזאָגט: אויף מיין גליק[ח]! וואָרום די טעכטער וועלן מיך שאַצן גליקלעך; און זי האָט גערופן זיין נאָמען אָשֵׁר.

14 און ראוּבן איז געגאַנגען אין די טעג פון ווייצשניט, און האָט געפונען ליבעפּעלעך אין פעלד, און האָט זיי געבראַכט צו זיין מוטער לאהן. האָט רחל געזאָגט צו לאהן: גיב מיר, איך בעט דיך, פון דיין זונס ליבעפּעלעך. 15 האָט זי געזאָגט צו איר: ווינציק וואָס דו האָסט צוגענומען מיין מאַן, ווילסטו נאָך צונעמען מיין זונס ליבעפּעלעך? האָט רחל

שְׁמוֹ רְאוּבֵן כִּי אָמְרָה כִּי־רָאָה יְהוָה בְּעָנְיִי כִּי עַתָּה
לג יֶאֱהָבַנִי אִישִׁי׃ וַתַּהַר עוֹד וַתֵּלֶד בֵּן וַתֹּאמֶר כִּי־שָׁמַע
יְהוָה כִּי־שְׂנוּאָה אָנֹכִי וַיִּתֶּן־לִי גַּם־אֶת־זֶה וַתִּקְרָא שְׁמוֹ
לד שִׁמְעוֹן׃ וַתַּהַר עוֹד וַתֵּלֶד בֵּן וַתֹּאמֶר עַתָּה הַפַּעַם יִלָּוֶה
אִישִׁי אֵלַי כִּי־יָלַדְתִּי לוֹ שְׁלֹשָׁה בָנִים עַל־כֵּן קָרָא־שְׁמוֹ
לה לֵוִי׃ וַתַּהַר עוֹד וַתֵּלֶד בֵּן וַתֹּאמֶר הַפַּעַם אוֹדֶה אֶת־
יְהוָה עַל־כֵּן קָרְאָה שְׁמוֹ יְהוּדָה וַתַּעֲמֹד מִלֶּדֶת׃

ל

א וַתֵּרֶא רָחֵל כִּי לֹא יָלְדָה לְיַעֲקֹב וַתְּקַנֵּא רָחֵל בַּאֲחֹתָהּ
וַתֹּאמֶר אֶל־יַעֲקֹב הָבָה־לִּי בָנִים וְאִם־אַיִן מֵתָה אָנֹכִי׃
ב וַיִּחַר־אַף יַעֲקֹב בְּרָחֵל וַיֹּאמֶר הֲתַחַת אֱלֹהִים אָנֹכִי אֲשֶׁר־
ג מָנַע מִמֵּךְ פְּרִי־בָטֶן׃ וַתֹּאמֶר הִנֵּה אֲמָתִי בִלְהָה בֹּא אֵלֶיהָ
ד וְתֵלֵד עַל־בִּרְכַּי וְאִבָּנֶה גַם־אָנֹכִי מִמֶּנָּה׃ וַתִּתֶּן־לוֹ אֶת־
ה בִּלְהָה שִׁפְחָתָהּ לְאִשָּׁה וַיָּבֹא אֵלֶיהָ יַעֲקֹב׃ וַתַּהַר בִּלְהָה
ו וַתֵּלֶד לְיַעֲקֹב בֵּן׃ וַתֹּאמֶר רָחֵל דָּנַנִּי אֱלֹהִים וְגַם שָׁמַע
ז בְּקֹלִי וַיִּתֶּן־לִי בֵּן עַל־כֵּן קָרְאָה שְׁמוֹ דָּן׃ וַתַּהַר עוֹד
ח וַתֵּלֶד בִּלְהָה שִׁפְחַת רָחֵל בֵּן שֵׁנִי לְיַעֲקֹב׃ וַתֹּאמֶר רָחֵל
נַפְתּוּלֵי אֱלֹהִים ׀ נִפְתַּלְתִּי עִם־אֲחֹתִי גַּם־יָכֹלְתִּי וַתִּקְרָא
ט שְׁמוֹ נַפְתָּלִי׃ וַתֵּרֶא לֵאָה כִּי עָמְדָה מִלֶּדֶת וַתִּקַּח אֶת־
י זִלְפָּה שִׁפְחָתָהּ וַתִּתֵּן אֹתָהּ לְיַעֲקֹב לְאִשָּׁה׃ וַתֵּלֶד זִלְפָּה
יא שִׁפְחַת לֵאָה לְיַעֲקֹב בֵּן׃ וַתֹּאמֶר לֵאָה בָּגָד* וַתִּקְרָא אֶת־
יב שְׁמוֹ גָּד׃ וַתֵּלֶד זִלְפָּה שִׁפְחַת לֵאָה בֵּן שֵׁנִי לְיַעֲקֹב׃
יג וַתֹּאמֶר לֵאָה בְּאָשְׁרִי כִּי אִשְּׁרוּנִי בָּנוֹת וַתִּקְרָא אֶת־שְׁמוֹ
רב׳ אָשֵׁר׃ וַיֵּלֶךְ רְאוּבֵן בִּימֵי קְצִיר־חִטִּים וַיִּמְצָא דוּדָאִים
בַּשָּׂדֶה וַיָּבֵא אֹתָם אֶל־לֵאָה אִמּוֹ וַתֹּאמֶר רָחֵל אֶל־לֵאָה
טו תְּנִי־נָא לִי מִדּוּדָאֵי בְּנֵךְ׃ וַתֹּאמֶר לָהּ הַמְעַט קַחְתֵּךְ אֶת־
אִישִׁי וְלָקַחַת גַּם אֶת־דּוּדָאֵי בְּנִי וַתֹּאמֶר רָחֵל לָכֵן יִשְׁכַּב

ל, יא׳ בא גד קרי

[א] רָאָה בְּעָנְיִי. [ב] שָׁמַע. [ג] יִלָּוֶה. [ד] אוֹדֶה. [ה] דָּנַנִּי. [ו] נִפְתַּלְתִּי. [ז] גָד. [ח] בְּאָשְׁרִי.

עִמִּי הַלַּיְלָה תַּחַת דּוּדָאֵי בְּנֵךְ׃ וַיָּבֹא יַעֲקֹב מִן־הַשָּׂדֶה
טז בָּעֶרֶב וַתֵּצֵא לֵאָה לִקְרָאתוֹ וַתֹּאמֶר אֵלַי תָּבוֹא כִּי שָׂכֹר
שְׂכַרְתִּיךָ בְּדוּדָאֵי בְּנִי וַיִּשְׁכַּב עִמָּהּ בַּלַּיְלָה הוּא׃ וַיִּשְׁמַע
יז אֱלֹהִים אֶל־לֵאָה וַתַּהַר וַתֵּלֶד לְיַעֲקֹב בֵּן חֲמִישִׁי׃ וַתֹּאמֶר
יח לֵאָה נָתַן אֱלֹהִים שְׂכָרִי אֲשֶׁר־נָתַתִּי שִׁפְחָתִי לְאִישִׁי וַתִּקְרָא
שְׁמוֹ יִשָּׂשכָר׃ וַתַּהַר עוֹד לֵאָה וַתֵּלֶד בֵּן־שִׁשִּׁי לְיַעֲקֹב׃
יט וַתֹּאמֶר לֵאָה זְבָדַנִי אֱלֹהִים ׀ אֹתִי זֵבֶד טוֹב הַפַּעַם יִזְבְּלֵנִי
כ אִישִׁי כִּי־יָלַדְתִּי לוֹ שִׁשָּׁה בָנִים וַתִּקְרָא אֶת־שְׁמוֹ זְבֻלוּן׃
כא וְאַחַר יָלְדָה בַּת וַתִּקְרָא אֶת־שְׁמָהּ דִּינָה׃ וַיִּזְכֹּר אֱלֹהִים
כב אֶת־רָחֵל וַיִּשְׁמַע אֵלֶיהָ אֱלֹהִים וַיִּפְתַּח אֶת־רַחְמָהּ׃
כג וַתַּהַר וַתֵּלֶד בֵּן וַתֹּאמֶר אָסַף אֱלֹהִים אֶת־חֶרְפָּתִי׃ וַתִּקְרָא
כד אֶת־שְׁמוֹ יוֹסֵף לֵאמֹר יֹסֵף יְהוָה לִי בֵּן אַחֵר׃ וַיְהִי כַּאֲשֶׁר
כה יָלְדָה רָחֵל אֶת־יוֹסֵף וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב אֶל־לָבָן שַׁלְּחֵנִי וְאֵלְכָה
אֶל־מְקוֹמִי וּלְאַרְצִי׃ תְּנָה אֶת־נָשַׁי וְאֶת־יְלָדַי אֲשֶׁר עָבַדְתִּי
כו אֹתְךָ בָּהֵן וְאֵלֵכָה כִּי אַתָּה יָדַעְתָּ אֶת־עֲבֹדָתִי אֲשֶׁר עֲבַדְתִּיךָ׃
כז וַיֹּאמֶר אֵלָיו לָבָן אִם־נָא מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ נִחַשְׁתִּי
וַיְבָרְכֵנִי יְהוָה בִּגְלָלֶךָ׃ וַיֹּאמַר נָקְבָה שְׂכָרְךָ עָלַי וְאֶתֵּנָה׃
חמ׳ כח וַיֹּאמֶר אֵלָיו אַתָּה יָדַעְתָּ אֵת אֲשֶׁר עֲבַדְתִּיךָ וְאֵת אֲשֶׁר־
כט הָיָה מִקְנְךָ אִתִּי׃ כִּי מְעַט אֲשֶׁר־הָיָה לְךָ לְפָנַי וַיִּפְרֹץ
ל לָרֹב וַיְבָרֶךְ יְהוָה אֹתְךָ לְרַגְלִי וְעַתָּה מָתַי אֶעֱשֶׂה גַם־
אָנֹכִי לְבֵיתִי׃ וַיֹּאמֶר מָה אֶתֶּן־לָךְ וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב לֹא־תִתֶּן־
לא לִי מְאוּמָה אִם־תַּעֲשֶׂה־לִּי הַדָּבָר הַזֶּה אָשׁוּבָה אֶרְעֶה
צֹאנְךָ אֶשְׁמֹר׃ אֶעֱבֹר בְּכָל־צֹאנְךָ הַיּוֹם הָסֵר מִשָּׁם כָּל־
לב שֶׂה ׀ נָקֹד וְטָלוּא וְכָל־שֶׂה־חוּם בַּכְּשָׂבִים וְטָלוּא וְנָקֹד
בָּעִזִּים וְהָיָה שְׂכָרִי׃ וְעָנְתָה־בִּי צִדְקָתִי בְּיוֹם מָחָר כִּי־
לג תָבוֹא עַל־שְׂכָרִי לְפָנֶיךָ כֹּל אֲשֶׁר־אֵינֶנּוּ נָקֹד וְטָלוּא בָּעִזִּים
לד וְחוּם בַּכְּשָׂבִים גָּנוּב הוּא אִתִּי׃ וַיֹּאמֶר לָבָן הֵן לוּ יְהִי

טז׳ סבירין הרוא   יט׳ צירי בסמך ובמקף

געזאָגט: דערפאַר זאָל ער ליגן מיט דיר היינטיקע נאַכט, פאַר די ליבעפּעלעך פון דיין זון.

16 און ווי יעקב איז געקומען פון פעלד אין אָוונט, אַזוי איז לאה אים אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן, און האָט געזאָגט: צו מיר מוזטו קומען, וואָרום אָפּדינגען האָב איך דיך אָפּגעדונגען[א] פאַר די ליבעפּעלעך פון מיין זון. און ער איז מיט איר געלעגן אין יענער נאַכט. 17 און גאָט האָט צוגעהערט צו לאהן, און זי איז טראָגעדיק געוואָרן, און האָט יעקבן געבאָרן אַ פינפטן זון. 18 און לאה האָט געזאָגט: גאָט האָט געגעבן מיין שׂכר פאַר וואָס איך האָב געגעבן מיין דינסט צו מיין מאַן; און זי האָט גערופן זיין נאָמען יִשָׂשכָר. 19 און לאה איז ווידער טראָגעדיק געוואָרן, און האָט יעקבן געבאָרן אַ זעקסטן זון. 20 און לאה האָט געזאָגט: גאָט האָט מיך באַשאָנקען מיט אַ גוטן געשאַנק[ב]; דאָס מאָל וועט מיין מאַן וווינען מיט מיר[ג], ווייל איך האָב אים געבאָרן זעקס זין; און זי האָט גערופן זיין נאָמען זבולון. 21 און דערנאָך האָט זי געבאָרן אַ טאָכטער, און זי האָט גערופן איר נאָמען דינה.

22 און גאָט האָט געדאַכט אָן רחלען, און גאָט האָט צוגעהערט צו איר, און האָט געעפנט איר טראַכט. 23 און זי איז טראָגעדיק געוואָרן, און האָט געבאָרן אַ זון; און זי האָט געזאָגט: גאָט האָט אָפּגעטאָן[ד] מיין חרפה. 24 און זי האָט גערופן זיין נאָמען יוסף, אַזוי צו זאָגן: גאָט זאָל מיר צוגעבן[ה] נאָך אַן אַנדער זון.

25 און עס איז געווען, אַז רחל האָט געבאָרן יוספן, האָט יעקב געזאָגט צו לָבָנען: לאָז מיך אַוועק, און איך וועל גיין צו מיין אָרט און צו מיין לאַנד. 26 גיב מיר מיינע ווייבער און מיינע קינדער, וואָס איך האָב דיר פאַר זיי געדינט, און איך וועל גיין; וואָרום דו ווייסט מיין דינסט וואָס איך האָב דיר געדינט.

27 האָט לָבָן צו אים געזאָגט: אויב, איך בעט דיך, איך האָב געפונען לייטזעליקייט אין דיינע אויגן—; איך האָב געמערקט אַז גאָט האָט מיך געבענטשט פון דיינעטוועגן. 28 און ער האָט געזאָגט: זאָג מיר דיין לוין, און איך וועל געבן.

29 האָט ער צו אים געזאָגט: דו ווייסט ווי איך האָב דיר געדינט, און וואָס דיין פי איז געוואָרן אונטער מיר; 30 וואָרום ווייניק וואָס האָסטו געהאַט פאַר מיר, און עס האָט זיך פאַרמערט לָרוב, און גאָט האָט דיך געבענטשט אין מיינע טריט. און אַצונד, ווען וועל איך אויך טאָן פאַר מיין הויזגעזינט?

31 האָט ער געזאָגט: וואָס זאָל איך דיר געבן? האָט יעקב געזאָגט: זאָלסט מיר גאָרנישט געבן; אויב דו וועסט מיר טאָן דידאָזיקע זאַך, וועל איך ווידער פיטערן דיינע שאָף, און היטן: 32 איך וועל דורכגיין היינט דורך אַלע דיינע שאָף, אָפּצוטאָן פון דאָרטן איטלעך געשפּרענקלט און געפלעקט לאַם, און איטלעך טונקל לאַם צווישן די שעפּסן, און געפלעקט און געשפּרענקלט צווישן די ציגן; און אַזוינס זאָל זיין מיין לוין. 33 און עדות זאָגן וועט אויף מיר מיין ערלעכקייט פאַר דיר, אין אַ שפּעטערדיקן טאָג, אַז דו וועסט קומען איבערקוקן מיין לוין: איטלעכס וואָס איז ניט געשפּרענקלט און געפלעקט צווישן די ציגן און טונקל צווישן די שעפּסן, איז דאָס אַ געגנבעטסביי מיר.

א שָׂכֹר שְׂכַרְתִּיךָ.   ב זֶבֶד.   ג יִזְבְּלֵנִי.   ד אָסַף.   ה יוֹסֵף.

לה כִּדְבָרֶךָ׃ וַיָּסַר בַּיּוֹם הַהוּא אֶת־הַתְּיָשִׁים הָעֲקֻדִּים וְהַטְּלֻאִים
וְאֵת כָּל־הָעִזִּים הַנְּקֻדּוֹת וְהַטְּלֻאֹת כֹּל אֲשֶׁר־לָבָן בּוֹ וְכָל־
לו חוּם בַּכְּשָׂבִים וַיִּתֵּן בְּיַד־בָּנָיו׃ וַיָּשֶׂם דֶּרֶךְ שְׁלֹשֶׁת יָמִים
לז בֵּינוֹ וּבֵין יַעֲקֹב וְיַעֲקֹב רֹעֶה אֶת־צֹאן לָבָן הַנּוֹתָרֹת׃ וַיִּקַּח־
לוֹ יַעֲקֹב מַקַּל לִבְנֶה לַח וְלוּז וְעַרְמוֹן וַיְפַצֵּל בָּהֵן פְּצָלוֹת
לח לְבָנוֹת מַחְשֹׂף הַלָּבָן אֲשֶׁר עַל־הַמַּקְלוֹת׃ וַיַּצֵּג אֶת־
הַמַּקְלוֹת אֲשֶׁר פִּצֵּל בָּרְהָטִים בְּשִׁקֲתוֹת הַמָּיִם אֲשֶׁר
תָּבֹאןָ הַצֹּאן לִשְׁתּוֹת לְנֹכַח הַצֹּאן וַיֵּחַמְנָה בְּבֹאָן לִשְׁתּוֹת׃
לט וַיֶּחֱמוּ הַצֹּאן אֶל־הַמַּקְלוֹת וַתֵּלַדְןָ הַצֹּאן עֲקֻדִּים נְקֻדִּים
מ וּטְלֻאִים׃ וְהַכְּשָׂבִים הִפְרִיד יַעֲקֹב וַיִּתֵּן פְּנֵי הַצֹּאן אֶל־עָקֹד
וְכָל־חוּם בְּצֹאן לָבָן וַיָּשֶׁת לוֹ עֲדָרִים לְבַדּוֹ וְלֹא שָׁתָם
מא עַל־צֹאן לָבָן׃ וְהָיָה בְּכָל־יַחֵם הַצֹּאן הַמְקֻשָּׁרוֹת וְשָׂם
יַעֲקֹב אֶת־הַמַּקְלוֹת לְעֵינֵי הַצֹּאן בָּרְהָטִים לְיַחְמֵנָּה
מב בַּמַּקְלוֹת׃ וּבְהַעֲטִיף הַצֹּאן לֹא יָשִׂים וְהָיָה הָעֲטֻפִים
מג לְלָבָן וְהַקְּשֻׁרִים לְיַעֲקֹב׃ וַיִּפְרֹץ הָאִישׁ מְאֹד מְאֹד וַיְהִי־
לוֹ צֹאן רַבּוֹת וּשְׁפָחוֹת וַעֲבָדִים וּגְמַלִּים וַחֲמֹרִים׃

## לא

א וַיִּשְׁמַע אֶת־דִּבְרֵי בְנֵי־לָבָן לֵאמֹר לָקַח יַעֲקֹב אֵת כָּל־
אֲשֶׁר לְאָבִינוּ וּמֵאֲשֶׁר לְאָבִינוּ עָשָׂה אֵת כָּל־הַכָּבֹד הַזֶּה׃
ב וַיַּרְא יַעֲקֹב אֶת־פְּנֵי לָבָן וְהִנֵּה אֵינֶנּוּ עִמּוֹ כִּתְמוֹל שִׁלְשׁוֹם׃
ג וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־יַעֲקֹב שׁוּב אֶל־אֶרֶץ אֲבוֹתֶיךָ וּלְמוֹלַדְתֶּךָ
ד וְאֶהְיֶה עִמָּךְ׃ וַיִּשְׁלַח יַעֲקֹב וַיִּקְרָא לְרָחֵל וּלְלֵאָה הַשָּׂדֶה
ה אֶל־צֹאנוֹ׃ וַיֹּאמֶר לָהֶן רֹאֶה אָנֹכִי אֶת־פְּנֵי אֲבִיכֶן כִּי־
ו אֵינֶנּוּ אֵלַי כִּתְמֹל שִׁלְשֹׁם וֵאלֹהֵי אָבִי הָיָה עִמָּדִי׃ וְאַתֵּנָה
ז יְדַעְתֶּן כִּי בְּכָל־כֹּחִי עָבַדְתִּי אֶת־אֲבִיכֶן׃ וַאֲבִיכֶן הֵתֶל בִּי
וְהֶחֱלִף אֶת־מַשְׂכֻּרְתִּי עֲשֶׂרֶת מֹנִים וְלֹא־נְתָנוֹ אֱלֹהִים לְהָרַע
ח עִמָּדִי׃ אִם־כֹּה יֹאמַר נְקֻדִּים יִהְיֶה שְׂכָרֶךָ וְיָלְדוּ כָל־הַצֹּאן

ל,מב׳ ף׳ רבתי  בנ״א דף׳ לא רבתי

34 האָט לָבָן געזאָגט: יאָ, זאָל זיין אַזוי ווי דיין וואָרט. 35 און ער האָט אָפּגעטאָן אין יענעם טאָג די געשטרייפטע און געפּלעקטע בעק, און אַלע געשפּרענקלטע און געפּלעקטע ציגן, איטלעכס וואָס האָט אויף זיך ווייס, און איטלעך טונקלס צווישן די שעפּסן, און ער האָט זיי איבערגעגעבן אין דער האַנט פון זיינע זין. 36 און ער האָט געמאַכט דריי טעג וועגס צווישן זיך און צווישן יעקבן. און יעקב האָט געפּיטערט לָבָנס איבעריקע שאָף.

37 האָט יעקב זיך גענומען פייכטע שטעקלעך פון טאָפּאָל, און מאַנדלבוים, און פּלאַטאַנענבוים, און ער האָט אויסגעשיילט אויף זיי ווייסע אויסשיילונגען, אָפּדעקנדיק דאָס ווייסע וואָס אויף די שטעקלעך. 38 און ער האָט אַריינגעשטעלט די שטעקלעך וואָס ער האָט אַרומגעשיילט, אין די קאָריטעס, אין די וואַסעררינעס ווו די שאָף קומען טרינקען, אַקעגן די שאָף; און זיי האָבן זיך געפּאָרט אַז זיי זיינען געקומען טרינקען. 39 און די שאָף האָבן זיך געפּאָרט פאַר די שטעקלעך, און די שאָף האָבן געבאָרן געשטרייפטע, געשפּרענקלטע, און געפּלעקטע. 40 און די לעמער האָט יעקב אָפּגעשיידט—און ער האָט צוגעקערט די פּנימער פון די שאָף אין לָבָנס שאָף צו די געשטרייפטע און אַלע טונקעלע—און האָט זיך געמאַכט סטאַדעס באַזונדער, און האָט זיי ניט געשטעלט מיט לָבָנס שאָף. 41 און עס איז געווען, ווען נאָר די שטאַרקע שאָף האָבן זיך געפּאָרט, אַזוי פלעגט יעקב אַריינטאָן די שטעקלעך פאַר די אויגן פון די שאָף אין די קאָריטעס, כּדי זיי זאָלן זיך פּאָרן ביי די שטעקלעך; 42 אָבער אַז די שאָף זיינען געווען שוואַכע, פלעגט ער ניט אַריינטאָן; אַזוי פלעגן די שוואַכע אָנקומען לָבָנען, און די שטאַרקע יעקבן. 43 און דער מאַן איז געוואָרן זייער רייך, און ער האָט געהאַט פיל שאָף, און דינסטן און קנעכט, און קעמלען און אייזלען.

לא 1 און ער האָט געהערט די ווערטער פון לָבָנס זין, אַזוי צו זאָגן: יעקב האָט צוגענומען אַלץ וואָס אונדזער פאָטער האָט געהאַט, און פון אונדזער פאָטערס האָב־האָט ער געמאַכט דידאָזיקע גאַנצע רייכקייט. 2 און יעקב האָט געזען אָן לָבָנס פּנים, ערשט ער איז ניט צו אים ווי נעכטן־אייערנעכטן. 3 און גאָט האָט געזאָגט צו יעקבן: קער זיך אום צו דעם לאַנד פון דיינע עלטערן, און צו דיין אָפּשטאַם, און איך וועל זיין מיט דיר.

4 האָט יעקב געשיקט און האָט גערופן רחלען און לאהן אין פעלד, צו זיינע שאָף. 5 און ער האָט צו זיי געזאָגט: איך זע אָן אייער פאָטערס פּנים, אַז ער איז ניט צו מיר ווי נעכטן־אייערנעכטן; אָבער דער גאָט פון מיין פאָטער איז געווען מיט מיר. 6 און איר ווייסט אַז מיט מיין גאַנצן כּוח האָב איך געדינט אַייער פאָטער. 7 און אַייער פאָטער האָט געמאַכט געשפּעט פון מיר, און האָט געביטן מיין לוין צען מאָל, נאָר גאָט האָט אים ניט געלאָזן שלעכטס טאָן מיט מיר. 8 אַז ער האָט אַזוי געזאָגט: געשפּרענקלטע זאָלן זיין דיין לוין, האָבן אַלע שאָף געבאָרן

נְקֻדִּים וְאִם־כֹּה יֹאמַר עֲקֻדִּים יִהְיֶה שְׂכָרֶךָ וְיָלְדוּ כָל־
ט הַצֹּאן עֲקֻדִּים׃ וַיַּצֵּל אֱלֹהִים אֶת־מִקְנֵה אֲבִיכֶם וַיִּתֶּן־לִי׃
י וַיְהִי בְּעֵת יַחֵם הַצֹּאן וָאֶשָּׂא עֵינַי וָאֵרֶא בַּחֲלוֹם וְהִנֵּה
הָעַתֻּדִים הָעֹלִים עַל־הַצֹּאן עֲקֻדִּים נְקֻדִּים וּבְרֻדִּים׃
יא וַיֹּאמֶר אֵלַי מַלְאַךְ הָאֱלֹהִים בַּחֲלוֹם יַעֲקֹב וָאֹמַר הִנֵּנִי׃
יב וַיֹּאמֶר שָׂא־נָא עֵינֶיךָ וּרְאֵה כָּל־הָעַתֻּדִים הָעֹלִים עַל־
הַצֹּאן עֲקֻדִּים נְקֻדִּים וּבְרֻדִּים כִּי רָאִיתִי אֵת כָּל־אֲשֶׁר לָבָן
יג עֹשֶׂה לָּךְ׃ אָנֹכִי הָאֵל בֵּית־אֵל אֲשֶׁר מָשַׁחְתָּ שָּׁם מַצֵּבָה
אֲשֶׁר נָדַרְתָּ לִּי שָׁם נֶדֶר עַתָּה קוּם צֵא מִן־הָאָרֶץ הַזֹּאת
יד וְשׁוּב אֶל־אֶרֶץ מוֹלַדְתֶּךָ׃ וַתַּעַן רָחֵל וְלֵאָה וַתֹּאמַרְנָה לוֹ
טו הַעוֹד לָנוּ חֵלֶק וְנַחֲלָה בְּבֵית אָבִינוּ׃ הֲלוֹא נָכְרִיּוֹת
טז נֶחְשַׁבְנוּ לוֹ כִּי מְכָרָנוּ וַיֹּאכַל גַּם־אָכוֹל אֶת־כַּסְפֵּנוּ׃ כִּי
כָל־הָעֹשֶׁר אֲשֶׁר הִצִּיל אֱלֹהִים מֵאָבִינוּ לָנוּ הוּא וּלְבָנֵינוּ
ששי וְעַתָּה כֹּל אֲשֶׁר אָמַר אֱלֹהִים אֵלֶיךָ עֲשֵׂה׃ וַיָּקָם יַעֲקֹב
יח וַיִּשָּׂא אֶת־בָּנָיו וְאֶת־נָשָׁיו עַל־הַגְּמַלִּים׃ וַיִּנְהַג אֶת־כָּל־
מִקְנֵהוּ וְאֶת־כָּל־רְכֻשׁוֹ אֲשֶׁר רָכָשׁ מִקְנֵה קִנְיָנוֹ אֲשֶׁר
רָכַשׁ בְּפַדַּן אֲרָם לָבוֹא אֶל־יִצְחָק אָבִיו אַרְצָה כְּנָעַן׃
יט וְלָבָן הָלַךְ לִגְזֹז אֶת־צֹאנוֹ וַתִּגְנֹב רָחֵל אֶת־הַתְּרָפִים אֲשֶׁר
כ לְאָבִיהָ׃ וַיִּגְנֹב יַעֲקֹב אֶת־לֵב לָבָן הָאֲרַמִּי עַל־בְּלִי הִגִּיד
כא לוֹ כִּי בֹרֵחַ הוּא׃ וַיִּבְרַח הוּא וְכָל־אֲשֶׁר־לוֹ וַיָּקָם וַיַּעֲבֹר
כב אֶת־הַנָּהָר וַיָּשֶׂם אֶת־פָּנָיו הַר הַגִּלְעָד׃ וַיֻּגַּד לְלָבָן בַּיּוֹם
כג הַשְּׁלִישִׁי כִּי בָרַח יַעֲקֹב׃ וַיִּקַּח אֶת־אֶחָיו עִמּוֹ וַיִּרְדֹּף
כד אַחֲרָיו דֶּרֶךְ שִׁבְעַת יָמִים וַיַּדְבֵּק אֹתוֹ בְּהַר הַגִּלְעָד׃ וַיָּבֹא
אֱלֹהִים אֶל־לָבָן הָאֲרַמִּי בַּחֲלֹם הַלָּיְלָה וַיֹּאמֶר לוֹ הִשָּׁמֶר
כה לְךָ פֶּן־תְּדַבֵּר עִם־יַעֲקֹב מִטּוֹב עַד־רָע׃ וַיַּשֵּׂג לָבָן אֶת־
יַעֲקֹב וְיַעֲקֹב תָּקַע אֶת־אָהֳלוֹ בָּהָר וְלָבָן תָּקַע אֶת־אֶחָיו
כו בְּהַר הַגִּלְעָד׃ וַיֹּאמֶר לָבָן לְיַעֲקֹב מֶה עָשִׂיתָ וַתִּגְנֹב אֶת־
כז לְבָבִי וַתְּנַהֵג אֶת־בְּנֹתַי כִּשְׁבֻיוֹת חָרֶב׃ לָמָּה נַחְבֵּאתָ

לא, ט׳ במים  יח׳ קמץ בזק

געשפּרענקלטע; און אַז ער האָט אַזוי געזאָגט: געשטרייפּטע זאָלן זיין דיין לוין, האָבן אַלע שאָף געבאָרן געשטרייפּטע. [9] און גאָט האָט אַוועקגענומען פון אייער פאָטערס פי, און געגעבן מיר. [10] און עס איז געווען אין דער צייט ווען די שאָף האָבן זיך געפּאָרט, האָב איך אויפגעהויבן מיינע אויגן, און האָב געזען אין חלום, ערשט די בעק וואָס שפּרינגען אויף די שאָף זיינען געשטרייפּטע, געשפּרענקלטע, און געפּלעקטע. [11] און אַ מלאך פון גאָט האָט געזאָגט צו מיר אין חלום: יעקב! און איך האָב געזאָגט: דאָ בין איך. [12] האָט ער צו מיר געזאָגט: הייב אַקאָרשט אויף דיינע אויגן און זע, אַלע בעק וואָס שפּרינגען אויף די שאָף זיינען געשטרייפּטע, געשפּרענקלטע, און געפּלעקטע; וואָרום איך האָב געזען אַלץ וואָס לָבָן טוט צו דיר. [13] איך בין דער גאָט פון בֵּית־אֵל וואָס דו האָסט דאָרטן געזאַלבט אַ זיילשטיין, וואָס דו האָסט דאָרטן געטאָן אַ נדר צו מיר. און אַצונד שטיי אויף, גיי אַרויס פון דעם היגן לאַנד, און קער זיך אום צו דעם לאַנד פון דיין געבורט.

[14] האָבן רחל און לאה געענטפערט און געזאָגט צו אים: האָבן מיר דען נאָך אַ חלק אָדער אַ ירושה אין אונדזער פאָטערס הויז? [15] זיינען מיר ניט אַזוי ווי פרעמדע פאַררעכנט ביי אים? וואָרום ער האָט אונדז פאַרקויפט, און אויפעסן אויך אויפגעגעסן דאָס געלט פאַר אונדז. [16] וואָרום די גאַנצע עשירות וואָס גאָט האָט אַוועקגענומען פון אונדזער פאָטער, דאָס איז אונדזערס און אונדזערע קינדערס. און אַצונד, אַלץ וואָס גאָט האָט דיר געהייסן, טו.

[17] איז יעקב אויפגעשטאַנען, און האָט אַרויפגעזעצט זיינע קינדער און זיינע ווייבער אויף קעמלען; [18] און ער האָט אַוועקגעפירט דאָס גאַנצע פי זיינס, און זיין גאַנצן פאַרמעג וואָס ער האָט אָנגעקליבן, דאָס פי פון זיין אייגנס וואָס ער האָט אָנגעקליבן אין פַּדַן־אֲרָם—כדי צו גיין צו זיין פאָטער יצחקן, קיין כּנען. [19] און לָבָן איז געווען אַוועקגעגאַנגען שערן זיינע שאָף. האָט רחל אַרויסגעגנבעט דעם תּרָפים פון איר פאָטער. [20] און יעקב האָט געגנבעט דאָס האַרץ פון לָבָן דעם אַרמי מיט וואָס ער האָט אים ניט געלאָזט מערקן אַז ער אַנטלויפט. [21] און ער איז אַנטלאָפן מיט אַלץ וואָס ער האָט געהאַט, און ער איז אויפגעשטאַנען און אַריבערגעגאַנגען דעם טייך, און האָט געקערט זיין פּנים צום באַרג גִלעָד.

[22] איז אָנגעזאָגט געוואָרן לָבָנען אויפן דריטן טאָג אַז יעקב איז אַנטלאָפן. [23] האָט ער גענומען זיינע ברידער מיט זיך, און האָט אים נאָכגעיאָגט זיבן טעג וועגס, און ער האָט אים אָנגעיאָגט אויפן באַרג גִלעָד.

[24] איז גאָט געקומען צו לָבָן דעם אַרמי אין אַ חלום פון דער נאַכט, און האָט צו אים געזאָגט: היט דיך, זאָלסט ניט רעדן מיט יעקבן פון גוטס ביז שלעכטס.

[25] און לָבָן האָט אָנגעיאָגט יעקבן. און יעקב האָט אויפגעשטעלט זיין געצעלט אויפן באַרג; אויך לָבָן און זיינע ברידער האָבן אויפגעשטעלט אויפן באַרג גִלעָד. [26] האָט לָבָן געזאָגט צו יעקבן: וואָס האָסטו געטאָן וואָס דו האָסט געגנבעט מיין האַרץ, און האָסט אַוועקגעפירט מיינע טעכטער אַזוי ווי געפאַנגענע פון שווערד? [27] פאַרוואָס ביסטו אַנטלאָפן

באַהאַלטענערהייט, און האָסט זיך אַוועקגעגנבעט פון מיר, און האָסט מיר ניט אויסגעזאָגט, אַז איך זאָל דיך באַלייטן מיט שמחה און מיט געזאַנגען, מיט פּויק און מיט האַרף? [28] און האָסט מיך ניט געלאָזן קושן מיינע זין און מיינע טעכטער. נאַריש האָסטו אַצונד געטאָן. [29] מיין האַנט האָט בכוח צו טאָן מיט אייך שלעכטס, נאָר דער גאָט פון אייער פאָטער האָט נעכטן ביי נאַכט געזאָגט צו מיר, אַזוי צו זאָגן: היט דיך פון צו רעדן מיט יעקבן פון גוטס ביז שלעכטס. [30] און אַצונד, אַוועקגיין ביסטו אַוועקגעגאַנגען, ווייל בענקען האָסטו זיך פאַרבענקט נאָך דיין פאָטערס הויז, אַלמאַי אָבער האָסטו געגנבעט מיין גאָט?

[31] האָט יעקב געענטפערט און האָט געזאָגט צו לָבָנען: ווייל איך האָב מורא געהאַט, וואָרום איך האָב געקלערט: טאָמער וועסטו אַוועקרויבן דיינע טעכטער פון מיר. [32] ביי וועמען אָבער דו וועסט געפינען דיין גאָט, דער זאָל ניט לעבן. פאַר אונדזערע ברידער דערקען וואָס איז דיינס ביי מיר, און נעם דיר צו. און יעקב האָט ניט געוווּסט אַז רחל האָט עס געגנבעט.

[33] איז לָבָן אַריינגעגאַנגען אין דעם געצעלט פון יעקבן, און אין דעם געצעלט פון לאהן, און אין דעם געצעלט פון די צוויי דינסטן, און ער האָט ניט געפונען; און ער איז אַרויסגעגאַנגען פון לאהס געצעלט, און איז אַריינגעגאַנגען אין דעם געצעלט פון רחלען. [34] און רחל האָט גענומען דעם תּרפים, און האָט אים אַריינגעטאָן אין זאָטל־קישן פון דעם קעמל, און האָט זיך געזעצט דערויף; און לָבָן האָט אַרומגעטאַפּט דאָס גאַנצע געצעלט, און האָט ניט געפונען. [35] האָט זי געזאָגט צו איר פאָטער: זאָל ניט פאַרדריסן אין די אויגן פון מיין האַר, וואָס איך קען ניט אויפשטיין פאַר דיר, ווייל דער שטייגער פון ווייבער איז ביי מיר. און ער האָט געזוכט, און האָט ניט געפונען דעם תּרפים.

[36] האָט יעקבן פאַרדראָסן, און ער האָט זיך געקריגט מיט לָבָנען. און יעקב האָט זיך אָפּגערופן און האָט געזאָגט צו לָבָנען: וואָס איז מיין פאַרברעך, וואָס איז מיין חטא, וואָס דו האָסט מיך נאָכגעיאָגט? [37] אַז דו האָסט דורכגעטאַפּט אַלע מיינע זאַכן, וואָס האָסטו געפונען פון אַלע דיינע כּלי־בית? לייג עס דאָ פאַר מיינע ברידער און דיינע ברידער, און זאָלן זיי אַנטשיידן צווישן אונדזביידן. [38] פאַר די צוואַנציק יאָר וואָס איך בין געווען מיט דיר, האָבן דיינע שעפּסן און דיינע ציגן ניט פאַרוואָרפן, און די ווידערס פון דיינע שאָף האָב איך ניט געגעסן. [39] אַ פאַרצוקטע האָב איך ניט געבראַכט צו דיר; איך פלעג ליידן איר שאָדן; פון מיין האַנט פלעגסטו עס אויפמאָנען, געגנבעט ביי טאָג, צי געגנבעט ביי נאַכט. [40] ביי טאָג פלעגט מיך אויפעסן די היץ, און דער פראָסט ביי נאַכט; און מיין שלאָף האָט געוויכט פון מיינע אויגן. [41] פאַר צוואַנציק יאָר בין איך געווען אין דיין הויז: פערצן יאָר האָב איך דיר געדינט פאַר דיינע צוויי טעכטער, און זעקס יאָר פאַר דיינע שאָף; און דו האָסט געביטן מיין לוין צען מאָל. [42] ווען ניט דער גאָט פון מיין פאָטער, דער גאָט פון אַברהמען און די פאָרכט פון יצחקןא, וואָלט געווען מיט מיר, וואָלסטו מיך אַצונד אַוועקגעשיקט מיט ליידיקן. גאָט האָט געזען מיין פּיין און די מאַטערניש פון מיינע הענט, און ער האָט אַנטשיידט נעכטן ביי נאַכט.

א דער וועמען יצחק פאָרכט.

לִבְרֹחַ וַתִּגְנֹב אֹתִי וְלֹא־הִגַּדְתָּ לִּי וָאֲשַׁלֵּחֲךָ בְּשִׂמְחָה
כח וּבְשִׁרִים בְּתֹף וּבְכִנּוֹר׃ וְלֹא נְטַשְׁתַּנִי לְנַשֵּׁק לְבָנַי וְלִבְנֹתָי
כט עַתָּה הִסְכַּלְתָּ עֲשׂוֹ׃ יֶשׁ־לְאֵל יָדִי לַעֲשׂוֹת עִמָּכֶם רָע וֵאלֹהֵי
אֲבִיכֶם אֶמֶשׁ ׀ אָמַר אֵלַי לֵאמֹר הִשָּׁמֶר לְךָ מִדַּבֵּר עִם־
ל יַעֲקֹב מִטּוֹב עַד־רָע׃ וְעַתָּה הָלֹךְ הָלַכְתָּ כִּי־נִכְסֹף נִכְסַפְתָּה
לא לְבֵית אָבִיךָ לָמָּה גָנַבְתָּ אֶת־אֱלֹהָי׃ וַיַּעַן יַעֲקֹב וַיֹּאמֶר
לְלָבָן כִּי יָרֵאתִי כִּי אָמַרְתִּי פֶּן־תִּגְזֹל אֶת־בְּנוֹתֶיךָ מֵעִמִּי׃
לב עִם אֲשֶׁר תִּמְצָא אֶת־אֱלֹהֶיךָ לֹא יִחְיֶה נֶגֶד אַחֵינוּ הַכֶּר־
לְךָ מָה עִמָּדִי וְקַח־לָךְ וְלֹא־יָדַע יַעֲקֹב כִּי רָחֵל גְּנָבָתַם׃
לג וַיָּבֹא לָבָן בְּאֹהֶל־יַעֲקֹב ׀ וּבְאֹהֶל לֵאָה וּבְאֹהֶל שְׁתֵּי
הָאֲמָהֹת וְלֹא מָצָא וַיֵּצֵא מֵאֹהֶל לֵאָה וַיָּבֹא בְּאֹהֶל רָחֵל׃
לד וְרָחֵל לָקְחָה אֶת־הַתְּרָפִים וַתְּשִׂמֵם בְּכַר הַגָּמָל וַתֵּשֶׁב
לה עֲלֵיהֶם וַיְמַשֵּׁשׁ לָבָן אֶת־כָּל־הָאֹהֶל וְלֹא מָצָא׃ וַתֹּאמֶר
אֶל־אָבִיהָ אַל־יִחַר בְּעֵינֵי אֲדֹנִי כִּי לוֹא אוּכַל לָקוּם מִפָּנֶיךָ
לו כִּי־דֶרֶךְ נָשִׁים לִי וַיְחַפֵּשׂ וְלֹא מָצָא אֶת־הַתְּרָפִים׃ וַיִּחַר
לְיַעֲקֹב וַיָּרֶב בְּלָבָן וַיַּעַן יַעֲקֹב וַיֹּאמֶר לְלָבָן מַה־פִּשְׁעִי
לז מַה חַטָּאתִי כִּי דָלַקְתָּ אַחֲרָי׃ כִּי־מִשַּׁשְׁתָּ אֶת־כָּל־כֵּלַי
מַה־מָּצָאתָ מִכֹּל כְּלֵי־בֵיתֶךָ שִׂים כֹּה נֶגֶד אַחַי וְאַחֶיךָ
לח וְיוֹכִיחוּ בֵּין שְׁנֵינוּ׃ זֶה עֶשְׂרִים שָׁנָה אָנֹכִי עִמָּךְ רְחֵלֶיךָ
לט וְעִזֶּיךָ לֹא שִׁכֵּלוּ וְאֵילֵי צֹאנְךָ לֹא אָכָלְתִּי׃ טְרֵפָה לֹא־
הֵבֵאתִי אֵלֶיךָ אָנֹכִי אֲחַטֶּנָּה מִיָּדִי תְּבַקְשֶׁנָּה גְּנֻבְתִי יוֹם
מ וּגְנֻבְתִי לָיְלָה׃ הָיִיתִי בַיּוֹם אֲכָלַנִי חֹרֶב וְקֶרַח בַּלָּיְלָה
מא וַתִּדַּד שְׁנָתִי מֵעֵינָי׃ זֶה־לִּי עֶשְׂרִים שָׁנָה בְּבֵיתֶךָ עֲבַדְתִּיךָ
אַרְבַּע־עֶשְׂרֵה שָׁנָה בִּשְׁתֵּי בְנֹתֶיךָ וְשֵׁשׁ שָׁנִים בְּצֹאנֶךָ
מב וַתַּחֲלֵף אֶת־מַשְׂכֻּרְתִּי עֲשֶׂרֶת מֹנִים׃ לוּלֵי אֱלֹהֵי אָבִי
אֱלֹהֵי אַבְרָהָם וּפַחַד יִצְחָק הָיָה לִי כִּי עַתָּה רֵיקָם שִׁלַּחְתָּנִי
שב׳ אֶת־עָנְיִי וְאֶת־יְגִיעַ כַּפַּי רָאָה אֱלֹהִים וַיּוֹכַח אָמֶשׁ׃ וַיַּעַן

לה׳ מלא וא״ו

לָבָן וַיֹּאמֶר אֶל־יַעֲקֹב הַבָּנוֹת בְּנֹתַי וְהַבָּנִים בָּנַי וְהַצֹּאן
צֹאנִי וְכֹל אֲשֶׁר־אַתָּה רֹאֶה לִי־הוּא וְלִבְנֹתַי מָה־אֶעֱשֶׂה
לָאֵלֶּה הַיּוֹם אוֹ לִבְנֵיהֶן אֲשֶׁר יָלָדוּ׃ וְעַתָּה לְכָה נִכְרְתָה מד
בְרִית אֲנִי וָאָתָּה וְהָיָה לְעֵד בֵּינִי וּבֵינֶךָ׃ וַיִּקַּח יַעֲקֹב אָבֶן מה
וַיְרִימֶהָ מַצֵּבָה׃ וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב לְאֶחָיו לִקְטוּ אֲבָנִים וַיִּקְחוּ מו
אֲבָנִים וַיַּעֲשׂוּ־גָל וַיֹּאכְלוּ שָׁם עַל־הַגָּל׃ וַיִּקְרָא־לוֹ לָבָן מז
יְגַר שָׂהֲדוּתָא וְיַעֲקֹב קָרָא לוֹ גַּלְעֵד׃ וַיֹּאמֶר לָבָן הַגַּל מח
הַזֶּה עֵד בֵּינִי וּבֵינְךָ הַיּוֹם עַל־כֵּן קָרָא־שְׁמוֹ גַּלְעֵד׃
וְהַמִּצְפָּה אֲשֶׁר אָמַר יִצֶף יְהוָה בֵּינִי וּבֵינֶךָ כִּי נִסָּתֵר אִישׁ מט
מֵרֵעֵהוּ׃ אִם־תְּעַנֶּה אֶת־בְּנֹתַי וְאִם־תִּקַּח נָשִׁים עַל־בְּנֹתַי נ
אֵין אִישׁ עִמָּנוּ רְאֵה אֱלֹהִים עֵד בֵּינִי וּבֵינֶךָ׃ וַיֹּאמֶר לָבָן נא
לְיַעֲקֹב הִנֵּה ׀ הַגַּל הַזֶּה וְהִנֵּה הַמַּצֵּבָה אֲשֶׁר יָרִיתִי בֵּינִי
וּבֵינֶךָ׃ עֵד הַגַּל הַזֶּה וְעֵדָה הַמַּצֵּבָה אִם־אָנִי לֹא־אֶעֱבֹר נב
אֵלֶיךָ אֶת־הַגַּל הַזֶּה וְאִם־אַתָּה לֹא־תַעֲבֹר אֵלַי אֶת־הַגַּל
הַזֶּה וְאֶת־הַמַּצֵּבָה הַזֹּאת לְרָעָה׃ אֱלֹהֵי אַבְרָהָם וֵאלֹהֵי נג
נָחוֹר יִשְׁפְּטוּ בֵינֵינוּ אֱלֹהֵי אֲבִיהֶם וַיִּשָּׁבַע יַעֲקֹב בְּפַחַד
אָבִיו יִצְחָק׃ וַיִּזְבַּח יַעֲקֹב זֶבַח בָּהָר וַיִּקְרָא לְאֶחָיו לֶאֱכָל־ נד
לָחֶם וַיֹּאכְלוּ לֶחֶם וַיָּלִינוּ בָּהָר׃

לב

וַיַּשְׁכֵּם לָבָן בַּבֹּקֶר וַיְנַשֵּׁק לְבָנָיו וְלִבְנוֹתָיו וַיְבָרֶךְ אֶתְהֶם מפ׳
וַיֵּלֶךְ וַיָּשָׁב לָבָן לִמְקֹמוֹ׃ וְיַעֲקֹב הָלַךְ לְדַרְכּוֹ וַיִּפְגְּעוּ־בוֹ ב
מַלְאֲכֵי אֱלֹהִים׃ וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב כַּאֲשֶׁר רָאָם מַחֲנֵה אֱלֹהִים ג
זֶה וַיִּקְרָא שֵׁם־הַמָּקוֹם הַהוּא מַחֲנָיִם׃ פ

[43] האָט לָבָן געענטפערט און האָט געזאָגט צו יעקבן: די טעכטער זיינען מיינע טעכטער, און די קינדער מיינע קינדער, און די שאָף מיינע שאָף, און אַלץ וואָס דו זעסט איז מיינס; און וואָס קען איך היינט טאָן צו דידאָזיקע טעכטער מיינע, אָדער צו זייערע קינדער וואָס זיי האָבן געבאָרן? [44] און אַצונד, קום לאָמיר שליסן אַ בונד, איך און דו, און זאָל עס זיין צום עדות צווישן מיר און צווישן דיר.

[45] האָט יעקב גענומען אַ שטיין, און האָט אים אויפגעשטעלט פאַר אַ זיילשטיין. [46] און יעקב האָט געזאָגט צו זיינע ברידער: קלייבט אָן שטיינער. האָבן זיי גענומען שטיינער, און געמאַכט אַ הויפן, און זיי האָבן געגעסן דאָרטן אויפן הויפן. [47] און לָבָן האָט אים גערופן יְגַר־שָׂהֲדוּתָא[א], און יעקב האָט אים גערופן גַל־עֵד[ב]. [48] און לָבָן האָט געזאָגט: דערדאָזיקער הויפן איז אַן עדות צווישן מיר און צווישן דיר היינט. דרום האָט מען גערופן זיין נאָמען גִלעָד; [49] און אויך מִצפָּה[ג], ווייל ער האָט געזאָגט: גאָט זאָל אַראָפּקוקן צווישן מיר און צווישן דיר, ווען מיר וועלן זיין פאַרהוילן איינער פון אַנדערן, [50] אויב דו וועסט פייניקן מיינע טעכטער, און אויב דו וועסט צונעמען אַנדערע ווייבער צו מיינע טעכטער, בעת קיין מענטש איז ניטאָ לעבן אונדז; זע, גאָט איז אַן עדות צווישן מיר און צווישן דיר.

[51] און לָבָן האָט געזאָגט צו יעקבן: אָט איז דער־דאָזיקער הויפן, און אָט איז דער זיילשטיין, וואָס איך האָב אויפגעשטעלט צווישן מיר און צווישן דיר. [52] אַן עדות איז דערדאָזיקער הויפן, און אַן עדות דער זיילשטיין, אַז איך וועל ניט אַריבערגיין דעמדאָזיקן הויפן צו דיר, און אַז דו וועסט ניט אַריבערגיין דעמדאָזיקן הויפן און דעמדאָזיקן זיילשטיין צו מיר, צום בייזן. [53] זאָל דער גאָט פון אַברהמען, און דער גאָט פון נָחורן, דער גאָט פון זייער פאָטער, משפטן צווישן אונדז. און יעקב האָט געשוואָרן ביי דער פאָרכט פון זיין פאָטער יצחקן.

[54] און יעקב האָט געשלאַכט שלאַכטאָפּפער אויפן באַרג, און ער האָט גערופן זיינע ברידער צו עסן ברויט; און זיי האָבן געגעסן ברויט, און האָבן גענעכטיקט אויפן באַרג.

לב [1] און לָבָן האָט זיך געפעדערט אין דער פרי, און ער האָט געקושט זיינע זין און זיינע טעכטער, און האָט זיי גע־בענטשט; און לָבָן איז אַוועקגעגאַנגען, און האָט זיך אומגעקערט צו זיין אָרט.

[2] און יעקב איז געגאַנגען אויף זיין וועג, און מלאָכים פון גאָט האָבן אים באַגעגנט. [3] און יעקב האָט געזאָגט, אַז ער האָט זיי דערזען: גאָטס מחנה איז דאָס; און ער האָט גערופן דעם נאָמען פון יענעם אָרט **מַחֲנַיִם**.

## וַיִּשְׁלַח

וַיִּשְׁלַח יַעֲקֹב מַלְאָכִים לְפָנָיו אֶל־עֵשָׂו אָחִיו אַרְצָה שֵׂעִיר ד
שְׂדֵה אֱדוֹם׃ וַיְצַו אֹתָם לֵאמֹר כֹּה תֹאמְרוּן לַאדֹנִי לְעֵשָׂו ה
כֹּה אָמַר עַבְדְּךָ יַעֲקֹב עִם־לָבָן גַּרְתִּי וָאֵחַר עַד־עָתָּה׃

לא, נג׳ חול

[4] און יעקב האָט געשיקט שלוחים פאַרויס פאַר זיך צו זיין ברודער עֵשָׂון קיין לאַנד שֵׂעִיר, אין פעלד פון אֱדום. [5] און ער האָט זיי באַפוילן, אַזוי צו זאָגן: אַזוי זאָלט איר זאָגן צו מיין האַר, צו עֵשָׂון: אַזוי האָט געזאָגט דיין קנעכט יַעקב: ביי לָבָנען האָב איך געוווינט, און איך האָב זיך אויפגע־

[א] הויפן פון עדות, אין אַראַמיש. [ב] הויפן פון עדות, אין העברעאיש. [ג] אויסקוק, וואַכטורעם.